דאס נייע לעבן 1 (1909)



געלונגען דעם אידישען פאלק אויפצובויען אין דעם לאנד פון זיין צוקונפט, און איהם אפצואווענדען פון זיין הויפט ציעל. מיר ווילען טאקע איין אידישעס פאלק און איין אידישעס פראלעטאריאט; אבער טאקע דעריבער מוזען מיר האבען איין ענד־ציעל און איין בעשטימטען אידעאל, וועלכען מיר דארפען טאג און נאכט שטרעבען צו עררייכען.

ש. אנ—סקי.

# הינטער דער הויכער וואנד

(א פראגמענט).

.1

...דער ענגער חדר׳ל פון מיין תפיסה איז טויט און שטום, ווי ער וואלט זיך געפונען איינגעזונקען טיעף אונטערן אבגרונד פון ים. די ווענט — ווי אויסגעהאקט אין אן אונענדליכען פעלז; די טיהר — אהן אן אינ־ווענינסטען רונג, — ווי פון אייזען געגאסען, ווי צוגעשמידט אויף אויביג צו די ווענט. די שווארצע אייזערנע גראטקעס אויפ׳ן קליינעם פערפרא־רענעם פענסטערל — ווי שענדליכע צייכענס פון שמיץ אויף א בלויזען לייב. אלץ איז אונבעוועגט. און עס דוכט זיך, אז דא האט אפילו די צייט אליין אבגעשטעלט זיך, ווי א ניט אנגעצויגענער זייגער... עס צאנקט א געלער, קראנקער, דעריגער שיין פון א קליינעם לעמפעל און ראנגעלט זיך אהן כח מיט דער שטילקייט, מיט די שאטענס, וואס האבען זיך ווי אלטע בעלי־בתים פון לאנג־לאנג בעזעצט אין די ווינקלען און זיך צונויפגעגאסען מיט דעם אנגעוואקסענעם שווארצען און נאסען שימעל.

איך ליעג אויף מיין בעטעל און שלאף מיט אפענע אויגען. איך זעה נישט, איך הער נישט; איך שלאף אהן א שלאף, אהן חלומות. איך בין אונבעוועגט, ווי אלץ ארום מיר. מחשבות, בלייערנע, ניט קלארע, אונ־נוצליכע, קריכען לאנגזאם אין זינען, שטעלען זיך אב, קעהרען זיך אום צור־ריק.... ווי שווערע אייזערנע קוילען אויף א גלאטען אספאלט, קייקלען זיי זיך אהן גערויש, אהן ווילען, אהן א ציעל. און זיי געהען פערביי, ווי פרעמדע, ווי אונבעקאנטע. זיי בעשאפען ניט קיין שטימונג, וועקען ניט קיין פערלאנג...

קיין שום צוזאמענבונד מיט דער לעבעדיגער וועלט, קיין זכר פון אן אבקלאנג, פון א שוואכען שטראהל פון „דארטען“. נור ערגעץ טיעף אין זינען, פערווארפען און פערשימעלט, ליעגט דער בעוואוסטזיין, אז הינטער



דער טיהר און הינטער נאך אנדערע שווערע, צוגעשמידטע טירען, הינטער הויכע פעסטע ווענט, הינטער פערשטיינערטע מענשען מיט ביקסען, וואס וואכען ביי די ווענט, געפינט זיך הימעל און ערד, מענשען און בעוועגונג, נאכט, לופט, פרייהייט...

ווי ווייט דאס איז אלץ פון מיר!...

.2

אין מיין שטומער איינזאמקייט האט זיך מיט א מאל אריינגעריסען אן אויסערליכער איינדרוק, א שארפער, אן אונפערשטענדליכער...

אום האלבע נאכט, בעת די שטילקייט האט זיך געדוכט פערגליווערט און אהן גרענצען, — האבען זיך אנגעהויבען צוטראגען צו מיר פון ערגעץ וואו מאדנע קלאנגען, טומפע, קליינינקע, געאיילטע... אין אנהויב האב איך דייטליך דערהערט א פאל פון א גאנצען הויפען אונבעשטימטע קלאנ־גען, ווי זיי וואלטען פון ערגעץ צופעליג אראבגעפאלען און צובראכען זיך, און צושאטען זיך. נאך א קליינער רגע האט ווי דורכגעשוועבט לייכט אן איינזאמער, האלב־פרענענדער קלאנגעל, אן אונבעשטימטער און דערשרא־קענער, ווי אן איבערגעהאקטער ביל פון א קליין הינטעל, און דערנאך האבען שוין די קלאנגען אנגעהויבען איבער׳חזר׳ן זיך ריטמיש, ווי דער קלונג פון ווייטע גלעקלעך. דאס זענען געווען מאדנע קלאנגען: געאיילטע און אין דער זעלבער צייט טומפע, קאלטע און בלינדע, ווי פון בלייערנע מטבעות.

איך האב ניט געקאנט בעגרייפען, וואס בעדייטען זיי און פון וואנען זיי קומען. מיר האט זיך געדוכט, אז זיי טראגען זיך דורכ׳ן פענסטעריל, פון ערגעץ ווייט־ווייט, און איך האב זיי אין אנהויב אנגענומען פאר אן אב־קלאנג פון קירך־גלאקען, נאכדעם — פאר א ווייטען אנזאג פון א שריפה.

לאנג האב איך ניט געקאנט פערשטעהן, ווי האט עס זיי זיך איינגע־געבען אריינ׳צודרינגען אהער, אין מיין תפיסה־צימער. און איך האב זיך צו־געהערט מיט א דורשטיגער נייגיעריגקייט צו די געסט פון דער פרייהייט, וואס האבען געפונען א מיטעל אויסנארען אי מיינע וועכטער, אי די ווענט, אי די בלינדע צוגעשמידטע טיהר. און דערפאר אליין האבען זיי מיר אויס־געוויזען פרייליך און שטיפעריש, ווי א פערשטיקטער געלעכטער פון קונדסים איבער דעם איינגעשלאפענעם אלטען און בייזען רבי, ווען מען האט אין שלאף אבגעטהאן א שפיצעל. אנגעשטרענגט האב איך צוגעהערט זיך צו די קלאנגען און געוואלט אריינדרינגען אין זייער געהיימנים. מיר האט זיך געדוכט, אז, אנקומענדיג אהער, צו מיר, מיט אזא געפאהר און שווערקייט, מוזען זיי ברענגען וויכטיגע נייעס וועגען עטוואס גרויסעס...

און עס האט זיך געדוכט, אז דערפאר בלייבען די קלאנגען פאר מיר א געה־היימנים און אונפערשטענדליך, ווי האלב אבגעמעקטע יעראגליפען, ווייל זיי קומען פון גאר אן אנדער וועלט, א ווייטער און א פרעמדער, וואס איהר לשון האב איך שוין לאנג פערגעסען...

און מיט א מאל, צווישען דעם איילענדען געלאף פון די קלאנגען, האט מיין אנגעשטרענגטער אויער אנגענריפען דעם אבקלאנג פון א טרוקענעם,

אָבגעריסענעם הוסט... און אין איין אויגענבליק איז פערפאַלען געוואָרען די גאַנצע אילוזיע. איך האָב גלייך פערשטאַנען, אַז די קלאַנגען, וואָס איך האָב אָנגענומען פאַר אַן אָברוף פון דער ווייטער פרייהייט, זיינען ניט מעהר ווי קלאַנגען פון ארעסטאַנטען־קעיטען, און זיי קומען ניט פון דערווייטען, נור פון איבער צוויי טריט פון דאַנען: פון הינטער דער וואַנט. מען האָט, ס'ווייזט אויס, אין צווייטען איינצעל־צימער געבראַכט אַ געשמידטען אין קעיטען, און ער געהט דאָס יעצט ארום איבער זיין ענגען חדר'ל.

מיט גאָר אַ נייעם געפיהל האָב איך גענומען צוהערען זיך צו די קעיטען־טריט פון מיין שכן. טריט — גלייכע, זיכערע, שטאַרקע, ווייזט אויס, אַ מענש וואָס איז שוין לאַנג געוואָהנט צו קעיטען... ווער איז ער? איך פרוב פערבינדען מיט איהם אַ געשפּרעך: איך קלאַפּ אויס אין וואַנט די פראַגע: „ווער זייט איהר"? אויף אַ ווײַלע ווערען שטיל די טריט. דער שכן הערט זיך צו. נאָכדעם הויבען וויעדער אָן די קעיטען צו קלינגען. קיין ענטפער בעקום איך ניט. אויף מאָרגען האָב איך מיך דערוואוסט, ווער מיין שכן איז.

### 3.

יעדען פריהמאָרגען, פּונקט 8 אוהר, דערהערט זיך הינטער מיין טיהר אַ רעש, אַזאַ הילכיגע קלאַפּעריי פון דעם אייזערנעם ריגעל, אַזוי ווי אַ גאַנצע באַנדע שכור'ע גזלנים וואָלטען זיך רייסען צו מיר אין צימער'ל. די טיהר גיט זיך אַן עפען, מיט אַ מאָל, ברייט — און אָהן אַ „גוט מאָרגען" מיט הערשער־טריט, חוצפּה'דיג געהט אריין, ווי צו זיך אין שטוב, דער וועכטער, לעגט אויפ'ן טיש מיין פּאָרציע ברויט, הויבט אויף צום באַלקען מיין בעטעל, קוקט שנעל ארום דעם צימער, כאַפּט מיך ארום מיט אַזאַ בליק ווי ער וואָלט מיך ארומגעזוכט פון קאָפּ ביז די פיס און רעדט ארויס קאַלט און טומפּ אַ בעפעהל:

— שפּאַצירען!

מתן געוועהנליכען האַלב־שעה'דיגען שפּאַציער מאַך איך אין דעם שמאָלען הויפעל, וואָס איז צונויפגעדריקט צווישען צוויי הויכע בלינדע ווענט פון די תפיסות. איך שפּאַציר ארום, און מיין וועכטער זיצט אויף דעם בענקעל, ווי ער וואָלט נאָר וואַרטען, איך זאָל ענדיגען דעם שפּאַציר, אַז ער זאָל קאָנען זיך אויפהייבען און אַוועקגעהן.

צו דעם הויפעל, וואו איך שפּאַציר, זענען צוגעשטעלט צוויי וועכטער, וועלכע בייטען זיך איבער אַ טאָג. ווי מען רופט זיי, ווייס איך ניט. איינער — אַ יונגער, אַ הויכער, אַ ברייטבייניגער, מיט אַ געזונטען געוועהלטיגטען פּנים, אַ בריה'שען האַלטען־זיך פון אַן אויסגעמושטירטען סאָלדאַט. אויפ'ן ערשטען בליק האָט ער זיך מיר אויסגעוויזען ווייך און צוגעלאָזען, און אין איינעם פון די ערשטע טעג, ווי מען האָט מיך געבראַכט, האָב איך מיך געווענדט צו איהם מיט אַ פראַגע, ווען אפילו איך האָב גוט געוואוסט, אַז איהם איז פערבאָטען צו רעדען מיט מיר אַ וואָרט. ער האָט זיך שנעל אַ קעהר געטאָן צו מיר און, אנשטאַט אַן ענטפער, האָט ער אָנגעשטעלט אויף



מיר אַ חוצפּה'דיגען בליק, אָהן אַ פונק נשמה, אַז זיינע אויגען האָבען מיר זיך אויסגעוויזען ווי צוויי שוואַרצע פּוסטע לעכער פון אָנגעשטעלטע רעוואָלווערען. יענעם זעלבען אָוונד, בשעת דער פּאָווערקע, אַז איך האָב נאָך פון הינטער'ן טיר דערהערט זיין צוויי־קלאַנגיגען אויסגעשריי: „סמיר!־נאָ!" ווי צוויי האַמער־קלעפּ; בשעת איך האָב נאָכדעם געזעהען, מיט וואָס פאַר אַ קאַלטער אכזריות ער האָט ארומגעזוכט מיין צימער'ל און געפּרובט די גראַטקעס, צי זענען זיי ניט אונטערגעזעגט, — האָב איך פערשטאַנען, אַז איך זעה פאַר זיך אַן אמת'ען תפיסה־וועכטער, אַן אויסגעאַרבייטען, אַזאַ שטיינערנעם און קאַלטען, ווי די ווענט פון מויער.

דער צווייטער וועכטער, אַן עלטערער, אַן אויסגעדיענטער סאָלדאַט, אַ שווערער אויפ'ן קעהר, אַן אָנגערוקטער מיט אַ קאַלט־אכזריות'דיגען פּנים. ער איז געווען איינגאַנצען, ווי בעוואַקסען מיט אַ קאָרע, און זיין אויסגעווינטערטער פּנים האָט געהאַט דעם זעלבען אויסזיכט ווי די פּעל פון זיין פּעלץ. פערגרעבטע, טומפּע געזיכטס שטריכען זיינען, ווי אויף אַן אור־אַלטער סטאַטוע, געוועזען צושוילט, ווי אויסגעגעסען דורך ווינט און צייט. אין די אַביסעל ארויסגעקייקעלטע, אָבגעבלייכטע אויגען האָט זיך געזעהען אַ מיעדע גלייכגילטיגקייט און אַן אויסדרוק פון ניט פערשטאַנענע פיזישע ליידען פון אַן אויסגעהאָרעוועטען פערד.

נאָכדעם, אַז מיר האָט זיך ניט איינגעגעבען ארויסרופען מיין ערשטען וועכטער אויף אַ געשפּרעך, האָב איך אַ לאַנגע צייט ניט געפּרובט זיך רעדען מיט דעם צווייטען. נאָר איין מאָל האָב איך איהם כמעט אומגערן אַ פרעג געטאָן:

— זענען דאָ אין תפיסה פיעל אונגלאָוונע?

ער האָט גלייכגילטיג און מיעד אַ בליק געטהאָן אויף מיר, האָט שווייגענד אָבגעקעהרט זיך און האָט אַ שטאַרקען גענעץ געטהאָן, ווי ער וואָלט וועלען בעווייזען, אַז מיין פראַגע האָט אפילו ניט געגרויכט צו איהם. נור אין אַ ווײַלע ארום, אַז איך האָב שוין אויפגעהערט צו וואַרטען אויף איין ענטפער, האָט ער, קוקענדיג אין אַן אַנדער זייט, ארויסגערעדט פאַר־זיך:

— אַ היבשע ביסעל, אי אונגאָלאָוונע, אי אַנדערע... וועלכע עס זיצען אינאיינעם, וועלכע עס זיצען אין איינצעל־צימערן... ווי פאַר וועמען עס געהערט זיך...

מיך האָט פּאַראינטערעסירט דער אָריגינאַלער מיטעל אריבערצוטרעטען כמעט על פּי דין דעם שווייג־רעגלאַמענט: ער ענטפער מיר ניט, ער רעדט נאָר פאַר־זיך. און איך האָב ווידער אַ פרעג געטאָן:

— און פּאָליטישע זיצען בעזונדער?

וויעדער אַ גלייכגילטיגער בליק, אַ לאַנגער גענעץ און אין אַ ווײַלע ארום איין ענטפער אָן דערזייט:

— בעזונדער... פיער גרויסע חדרים איז מיט זיי אָנגעפּאַקט...

מעהר האָב איך זיך ניט געוואַגט מיט איהם דעמאָלט צו ריידען. נאָר

שפעטער האָב איך אָפּט אָנגעהייבען פיהרען מיט איהם אויף דעם אופן לאַנגע געשפּרעכען.

דאָס מאָל, געפינענדיג ביים שפּאַציר דעם צווייטען וועכטער, בין איך אָבגעגאַנגען עטליכע טריט און קוקענדיג אין אַנדער זייט, האָב איך אַרויסגערעדט פאַר זיך:

— אַ גאַנצע נאַכט האָט זיך געהערט הינטערן וואַנט דער קלאַנג פון פוס־קעיטען. מען האָט אימעצען געמוזט אַריינזעצען אין דעם שכנות־דיגען איינצעל־צימער...

דער וועכטער, האָט געענטפערט, מיט די געוועהנליכע תנועות:

— אַ הורג־נפש... יענער, וואָס האָט אויסגעקוילעט אַ געזינד פון זעקס מענשען, מ'האָט איהם שוין לאַנג געפּאַקט, ערגעץ ווייט, נור אַהער האָט מען איהם ערשט נעכטען געבראַכט...

בעת איך בין נאָך אויף דער פרייהייט געוועז, האָב איך געהערט וועגען דער רציחה וואָס האָט זיך אויסגעצייכענט מיט איהר אכזריות. ביינאַכט האָט מען אויסגעקוילעט אַ גאַנצע געזינד, מיט אַן 80־יעהריגער זקנה און אַ וויג־קינד. נאַכדעם האָב איך געהערט (אָדער געלעזען), אַז מען האָט געכאַפּט דעם מערדער, אַז מען האָט איהם געשלאָגען מכות רצח. איך געדענק, אַז אין דער דראַמאַ האָבען מיך, אינטערעסירט נור די גע'הרג'עטע און איך האָב כמעט ניט אַ טראַכט געטהאָן וועגען דעם מערדער, ווי וועגען אַ מענשען. איך געדענק אַז אויף מיר האָט קיין שום איינדרוק ניט געמאַכט דאָס, וואָס מען האָט איהם שטאַרק געשלאָגען. איצטער אָבער, אַז איך האָב אין אַ טיעפער מיטען־נאַכט געהערט דעם ריטמישען קלאַנג פון זיינע קעיטען, האָב איך מיט אַ מאָל דערפיהלט אין איהם אַ מענשען און מיך האָט אָנגעהויבען פערפאָלגען דער געדאַנק: וואָס פיהלט ער? וואָס פאַר אַ שרעקען רייסען איבער זיין שלאָף? וואָס פאַר אַ בלוטיגע דמיונות טראָגען זיך אום אין זיין זינען, אונטער דעם צוקלאַנג פון קאַלטען אייזען?...

(ענדע קומט)



דניאל מאַרשאַק

# ד ע ר  א ו צ ר

(פּאָעמאַ)

## I

וואו ס'שטרעקען די בערג און בעהאַלטען אין וואָלקען
די אַלטע, די אייז־גרויע קעפּ;
וואו פעלזענווענד פעסטע צום הימעל זיך הויבען,
וואו ס'בויט נאָר דער אָדלער זיין נעסט, —

דאָרט שלענגעלט אַן איינזאַמעס שטעגעל און ציהט זיך
אַראָב אין דאָס וואַלדיגע טהאָל.
עס ליגט אין דעם טהאָל דאָרט אַן אוצר בעהאַלטען,
פער'כשופ'ט שוין טויזענדער יאָהר.

די מענשען, זיי בויען זיך פעסטונגען, שלעסער
פון אייזען און האַרטען גראַניט, —
און זייערע אוצרות בעוואַהרען זיי זיכער,
בעוואָפענט מיט שווערד און מיט שפּיז. —

ס'איז שטאַרקער די צייט פאַר גראַניט און פאַר אייזען,
און שווערד געגען שווערד קען בעשטעהן;
אויך רייצט אָפּט דעם מיעדען, געדונגענעם שומר
מיט מעכטיגען כשוף דאָס גאָלד.

דאָך שוואַך איז דאָס שווערד געגען פליישלאָזע רוחות,
וואָס היטען דעם אוצר אין טהאל;
עס לאָקט זיי קיין גאָלד ניט — זיי היטען איהם זיכער,
זיי שפּאָטען די מעכטיגע צייט.

זיי היטען איהם בעסער פון אַלע די אוצרות,
וואָס ערגעץ בעהאַלטען אין דר'ערד;
ניט גלייך צו די אוצרות די איבריגע, אַלע
איז דער פון פער'כשופ'טען טהאָל.

ניט פלאַמענדעס גאָלד און ניט קלינגענדעס זילבער,
ניט פונקעלענד עדעל־געשטיין
ליגט אונטער אַנ'אוראַלטען בוים דאָרט בעהאַלטען
צי אונטער אַ ריעזיגען שטיין, —

עתה נאָך קליינינקע קולטור־שטראָמען, וואָס האָבען זיך שוין בעוויזען אין דעם לעבען פון אונזער מאַסע, ביי איהרע בעסערע טיילען. מען דאַרף אָרגאַניזירען ס י ס ט ע מ אַ ט י ש ע פ אָ ר ל ע ז ו נ ג ע ן אין אלע צווייגען פון דער מענשליכער וויסענשאַפט; מען דאַרף אָרגאַניזירען שבת־שוהלען און זונטאַג־שוהלען פאַר דערוואַקסענע מיט אַ פּראָגראַם פון אַן אייראָפּעאישען גימנאַזיום (פערשטעהט זיך אָהן לאַטיין און גריכיש); מען דאַרף ארויסגעבען ב י כ ע ר און ב ר אָ ש ו ר ע ן וועגען אלע פראַגען, וואָס דאַרפען אינטערעסירען אַ געבילדעטען מענשען און אַן אינטעליגענטען אידען, פערשטעהט זיך, ניט אַ לאַ פייגענבוים'ס „כשר און טריפה"; מען דאַרף א י ב ע ר ז ע צ ע ן אין אידיש — און ניט פערוועסערן! — די בעסטע אמת'ע א ו י פ ק ל ע ה ר ע ר פון דער ציוויליזירטער וועלט, די אלע פייערבאַך'ס און פּרודאָן'ס, און ניעטצשעס און פריעדריך אַלבערט לאַנגע'ס; מען דאַרף איבערזעצען און ארויסגעבען די בעסטע בעללעטריסטישע ווערק פון דער מענשהייט, וואָס האָבען אַזאַ געוואַלטיגע ציוויליזאַטאָרישע קראַפט; מען דאַרף גרינדען ביבליאָטעקען (וואָס מעהר, אַלץ בעסער!) וואו מען זאָל צונויפקלייבען אלע די ערנסטע קולטור קוואַלען, וואָס מיר האָבען שוין אין אידיש; מען דאַרף גרינדען און אָנפיהרען זעלבסט־בילדונגס־פעראיינען און בעזאָרגען זיי מיט דער נויטיגער ליטעראַטור און מיט די נויטיגע פיהרענדע קרעפטע.

זאָגט ניט, אַז די אלע אונטערנעהמונגען זענען לכתחילה פערמשפּט צום טויט, ווייל „די מאַשין פון „פאָרווערטס" איז דער הערשער איבער דעם ראַדיקאַלען אידישען קוואַרטאַל"; ווייל דער „פאָרווערטס" קאָן קוילענען יעדע אונטערנעהמונג, יעדע בעוועגונג מיט זיין שווייגען און ווייל „ווען די דיפּלאָמאַטיע פון „פאָרווערטס" האָט זיך געשטעלט צום צוועק צו רואינירען אַן אונטערנעהמונג, אַ פעראיין, אָדער אַ פּערזאָן איז פערפאַלען". ערשטענס גלויבט זיך אונז ניט, אַז דער „פאָרווערטס" וועט אָנהויבען אַ קאַמפּף אָדער אין גאַנצען פערשווייגען אַן ערנסטע קולטורעלע בעוועגונג, וואָס וועט ווירקליך ארויסווייזען מוטה און קראַפט. צווייטענס, זענען אונז בעקאַנט פיעלע אונטערנעהמונגען, וואָס זענען אויפגעבויט געוואָרען ניט נאָר אָהן דער הסכמה פון „פאָרווערטס", נאָר להיפך צו זיין ווילען און — ניש'קשה: מען האָט געהאַט ערפאָלג. און דריטענס גלויב איך ניט אין דער אייביגקייט פון דעם „פאָרווערטס"' דעספּאָטישער אַלמאַכט. א ב ד ו ל ־ ה אַ מ י ד איז געוועזען נאָך אַ שטאַרקערע רעאַקציאָנערע מאַכט, און מען איז מיט איהם פאַרטיג געוואָרען. וועט מען מיט אַ צייטונגס־מאַשין ניט קאָנען פאַרטיג ווערען?...

די הויפּטזאַך איז, אַז דאָס קליינע הייפעלע אינטעליגענטען, וואָס זענען געבליעבען אָדער געוואָרען טריי דעם אידישען פאָלק און וואָס זענען באמת פעראינטערעסירט אין אויפהעבען די קולטור־מדרגה פון אונזערע מאַסען, זאָלען ניט זיין אַזוי אַבגעלאָזען, אַזוי צומאָהלען אויף מעהל, ווי איצטער. אַן אָרגאַניזאַציאָן פון אלע אידישע באמת פּראָגרעסיווע עלעמענטען, וואָס האָבען זיך בעפרייט פון דער קאָסמאָפּאָליטישער אויפקלערעכץ און ראַדיקאַלעכץ און וואָס גלויבען אין דער צוקונפט פון דעם אידישען פאָלק, מוז בעשאַפען ווערען, וועמעס ארבייט עס וועט זיך מוזען אָברופען



אויף אלע זייטען פון דעם אידישען לעבען, און ניט נאָר אויף דעם פעלד פון קולטור אַליין. אָרגאַניזירען די קולטור־שאַפענדע און קולטור־ברענגענדע קרעפטע פון דעם אידישען קוואַרטאַל מוז דעריבער זיין דער ערשטער שריט אין דעם קאַמפּף אנטגעגען דער „געלקייט" פון אונזער ראַדיקאַלער פּרעסע. טיעפע ערנסטע קולטור־ארבייט איז דער צווייטער שריט, און ווער ווייס? אפשר וועט די „געלע" פּרעסע אַליין צושטעהן און אונטערשטיצען אַזאַ'ן ארבייט, וואָס וועט זי אין דער צוקונפט בעפרייען פון דער טרויעריגער נויטיגקייט צו זיין „געל". על כל פנים וועט דאָס שטענדיגע אָנוואַקסען פון ערנסטערע קולטור־קרעפט אין קוואַרטאַל בעשאַפען אַן אינטעליגענטע עפענטליכע מיינונג, וואָס וועט האָבען קראַפט גענוג צו צ ו ו י נ ג ע ן די „געלע פּרעסע", זי זאָל זיך רעכענען מיט דעם ווילען פון דער אידישער אינטעליגענץ.

דאָ, אין דער אָרגאַניזאַציע פון אונזערע אייגענע אינטעליגענטע קרעפטע צוליעב אַן ארבייט, וואָס זאָל אויסבילדען נייע קולטור־שאַפענדע און קולטור־פערשפּרייטענדע פאַקטאָרען און ערציעהען זיי אין דעם גייסט פון טרייקייט צו דעם אידישען פאָלק, דאָ, זאָג איך, ליעגט, ווי מיר דוכט, דער שווערפּונקט ניט נאָר פון דעם פּראָבלעם, וואָס יצחק אייזיק האָט אויפגעוואָרפען, נאָר אויך פון אַ סך אנדערע „פערשאָלטענע שאלות", מיט וועלכע דאָס אידישע לעבען אין אמעריקא איז אַזוי רייך.

ש. אַנ־סקי.

# הינטער דער הויכער וואַנד

(ע נ ד ע).

עס זענען פערביי אַ פּאָר וואָכען.

מען האָט מיך ארויסגערופען אין קאָנטאָר פון דער תפיסה וועגען אַ מיטטיילונג וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו מיין משפּט. אַז דער בעגלייטער האָט מיך געבראַכט צוריק אין תפיסה־הויפעל, האָב איך דאָרטען געפונען נאָך צוויי מענשען, אַ חוץ דעם צווייטען, עלטערען וועכטער, וואָס איז געזעסען אין זיין געוועהנליכער פּאָזע אויפ'ן בענקעל. אויף אַ לייטערעל, צוגעשטעלט צום לאַמטערן־סלופּ, וואָס האָט זיך געפונען אין מיטען הויפעל, איז געשטאַנען אַ לאָמפּען־צינדער, אַ קליין דאַרער, בלאָנדער מענשעל מיט אַן אָנגעשטרענגטען, כמעט דערשראָקענעם אויסדרוק אין געזיכט. ער האָט צוגעגרייט די לאַמטערן. דאָס מענשעל, ווייזט אויס, האָט זיך נאָך ניט צוגעוועהנט צו די סדרים פון דער תפיסה און האָט זיך געפיהלט ניט היימליך, ווי אין אַ פרעמדער פיינדליכער מחנה. מען האָט געקאָנט בעמערקען פון ערש־

טען בליק, אז ער איז אינגאנצען דורכגעדרונגען מיט דעם בעוואוסט־זיין, אז דאָ, אין דעם פערשלאָסענעם שטח, וואָס איז שטרענג אָבגעצוימט פון דער גאנצער וועלט, האָבען א רעכט צו פערבלייבען נאָר זיינע הענט, אָבער ניט זיינע געדאנקען, ניט זיינע געפיהלען; אז ער האָט רעכט צו זיין דאָ נאָר א שטרענג בעשטימטע צייט, כל זמן ער ארבייט. אָבער ער טאָר דאָ נישט זעהען, נישט הערען, גאָר נישט אריינברענגען אהער און גאָר נישט ארויסטראָגען פון דאנען. אויב ניט, וועט אָט דער יעצט אונגעפערליכער טיהרען־מויל מיט אמאָל זיך צונויפשליסען און איהם שוין מעהר ניט ארויסלאָזען. און אויף וויפיעל געשיקט און זיכער עס האָבען געארבייט זיינע הענד, אויף אזוי פיעל איז זיין גאנצער גוף, ווי אויך זיינע בעוועגונגען, געווען אונזיכער און אָנגעשטרענגט. אין דער זעלבער צייט האָט זיין בליק מיט א דאָרשטיגער נייגיעריגקייט געוואָרפען זיך פון איין זאך אויף די אנדערע, אזוי ווי ער וואָלט וועלען אונבעמערקט אונטערהאפּען, גנבה׳נען וואָס מעהר פערבאָטענע איינדריקען.

דער צווייטער, וואָס איז געווען אין הויף, איז געווען א מאנסביל פון א יאָהר 40, א יוסטער, א שטארקער, מיט א קורצער האלז, א ברייטלעכען פולען געזיכט, א דיקער נאָז און גראָע, עטוואָס בלייכע און משונה־קלאָרע אויגען, כמעט אָהן א שום צענטראל־פינטעל; קעצעשע, שעהנע, נאָר אין זיי האָט זיך געפיהלט עפּעס טיעף פערברעכערישעס. אויפ׳ן געזיכט האָט, צונויפגעגאָסען מיט אלע שטריכען, מיט די אויגען, נאָז און ליפּען, — געשפּיעלט א שטענדיגער שמייכעלע, א בעסטיאל־פרייליכעס, וואָס האָט גערעדט פון גייסטיגער רוהיגקייט. א רונד שווארץ בערדעל און שווארצע האָר האָבען ווי אונטערגעשטריכען אין פנים דעם אויסדרוק פון כאראקטער און ווילען. אָנגעטהאָן איז ער געווען אין א חאלאט פאר ארעסטאנטען. אויפ׳ן קאָפּ א קיילעכדיג, ווייך ארעסטאנטען־היטעל. עטוואָס איינגעבויגען, דעם קאָפּ ניעדעריג אראָבגעלאָזען, ווי פערטיעפט אין געדאנקען, איז ער אומגעגאנגען אהין און צוריק איבערן הויפעל, מיט געמאָסטענע טריט, גרינג און אומבעמערקט אונטערהאלטענדיג די קייטען וואָס זענען געווען בעהאלטען אונטער׳ן חאלאט און וואָס האָבען געלאָזט וויסען פון זיך דורך איינצעלנע, צופעליגע קלאנגען. עס איז געווען עפּעס כמעט גראציעזעס אין זיינע לייכטע, זיכערע טריט, געמעסיגט דורך די פערבאָרגענע קייטען.

בשעת איך בין אריין אין הויפעל, האָט דער ארעסטאנט עפּעס דערצעהלט. ער האָט גערעדט לאנגזאם, רוהיג און מעסיג, נאָך דעם ריטם פון די אייגענע טריט. דער וועכטער און לאָמפּענצינדער האָבען איהם צוגעהערט מיט גרויס אויפמערקזאמקייט.

מיין אריינקומען האָט אויף א ווײלע איבערגעריסען דעם געשפּרעך. דער ארעסטאנט האָט שנעל, ווי א פוקס, א בליק געטאָן אויף מיר מיט זיינע בעסטיאל־פרייליכע אויגען, האָט מיר העפליך אָבגעטראָטען דעם וועג און האָט מיך ווייך, כמעט פריינדליך בעגריסט: „גוט מאָרגען“. דער לאָמפּענצינדער האָט מיך מיט אמאָל ארום געכאפּט מיט א נייגיעריג־דערשראָקענעם



בליק און איז געבליבען אונבעוועגט, מיט א האלב אָפענעם מויל. דער וועכטער האָט זיך שווער אויפגעהויבען פון אָרט און האָט גענומען די שליסעל פון מיין קאמער. נאָר אנשטאט אָבצופיהרען מיך אהין, איז ער געבליבען שטעהן אויף זיין אָרט, און האָט א מורמעל געטהאָן: „באלד“!... און נאָך א קליינעם ישוב הדעת האָט ער זיך צוריק אראָבגעלאָזען אויפ׳ן ביינקעל, איבערלאָזענדיג מיך אין הויף.

איך האָב מיך אָנגעלעהנט אָן דער וואנד און האָב גענומען בעקוקען דעם ארעסטאנט. איך האָב גלייך געטראָפען, אז דאָס איז מיין שכן, דער מערדער. גאנץ מאשינאל האָב איך מיט די אויגען פריהער פאר אלץ גענומען זוכען זיינע הענד. ווי זעהען זיי אויס, די הענד, וואָס האָבען געוואָרגען קינדערשע העלזעלעך און געווען פערגאָסען מיט ווארעמע מענשען בלוט?... מיט דער רעכטער האנד האָט דער ארעסטאנט אונטערגעהאלטען די קייטען; זי איז געווען פערדעקט מיטען חאלאט. די לינקע, אין וועלכער ער האָט געהאלטען א פּאפּיראָס, איז געווען א גאנץ געוועהנליכע, א ברייטע, מיט קורצע דיקע פינגער. זי האָט זיך מיר ארויסגעוויזען צו ווייס, אזוי ווי נור וואָס שטארק געוואשען...

דער ארעסטאנט האָט, ווייזט אויס, דערפיהלט מיין אויפמערקזאמען בליק, האָט זיך א קעהר געטהאָן, שנעל אויף מיר א בליק געוואָרפען, און אָבקעהרענדיג זיך, פאָרטגעזעצט דעם איבערגעריסענעם געשפּרעך:

— — איך זאָג, מען קען גאָר אפילו ניט פערגלייכען מיט די היגע געגענדען! אי מענשען אנדערע, אי גאָר אנדערע מנהגים. סיבירישע! דאָרטען וועט קיינער ניט פייניגען א מענשען אומזיסט. ביסט דו אריינגעפאלען, האָט מען דיך געכאפּט פארען האנד — — איז א סוף, פערפאלען, בעקומסט דוא אויפ׳ן אָרט די מפּלה: מען וועט דיר גלייך אראָבדרעהען דעם קאָפּ, אָהן דבורים. האָט מען דיך אָבער פאר׳ן האנד ניט געכאפּט — איז — זיי רוהיג, ארבייט ווייטער, קיינער וועט דיך מיט א פינגער ניט אָנריהרען!.. אָן אמת׳ער גן עדן, זאָג איך אייך...

דער וועכטער, קוקענדיג אָן א זייט, האָט צושטימענדיג א שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ און מרה־שחורה׳דיג, נאָר מיט א מין אבשיי ארויסגערעדט:

— עס פערשטעהט זיך, ווער עס האָט לאנג אין יענע געגענד ארומגעוואנדערט, ווייס גוט אלע דאָרטיגע מנהגים, יענער האָט, הייסט דאָס, א געווענהייט צו די ערטער...

— א! וואָס פאר א מעשים מיר האָבען דאָרטען אָבגעטהאָן! — האָט לעבעדיגער אָנגעהויבען דער ארעסטאנט. — נאָך מיין צווייטען אנטלויפען פון קאטאָרגע, האָב איך זיך א יאָהר צוויי געהאלטען אויף דער פרייהייט. איך האָב זיך די גאנצע צייט געבלאָנקעט איבער סיביר. וויפיעל מעשים אויסגעפיהרט — ניט אויסצורעכענען! איין מאָל האָב איך מיט א חבר פערקליבען זיך צו א רייכען גלח, האָבען געקוילעט איהם, די ווייב, צוויי קינדער און די דינסט. די עלטערע טאָכטער האָט מיין חבר מאנס געווען און נאָכדעם דעם מוח געשפּאָלטען, און זי נעמט און לעבט אָב! האָט מען אָנגעהויבען

פיהרען צו איהר אַלערליי בראָדיאַגעס זי זאָל דערקענען דעם גזלן. אויף מיר איז קיין שום חשד ניט געווען, איך האָב געוואָהנט דאָרט ווי אַ סוחר. וואָס־זשע מיינט איהר! איז אָנגעפאַלען אויף מיר אַ מין משוגעת, און איך בין אליין אַוועק אַ קוק טהאָן אויף דאָס מיידעל, האָב אפילו געשמועסט מיט איהר...

— און זי האָט דיך ניט דערקענט? ... האָט מיט אַ פערכאַפּטען אָט־העם אַ פרעג געטהאָן דער לאַמפּענצינדער.

— וואו! זי איז געווען אין אַ מין פיבער און ווען זי וואָלט מיך אפילו דערקענען, וואָלט איהר אויך קיינער ניט גלויבען....

דער לאַמפּענצינדער האָט זיך גענומען אַראָבלאָזען פון לייטערל, נאָר ער האָט זיך אָבגעשטעלט, און ניט זיכער אַ פרעג געטהאָן:

— אָט, מע זאָגט, אַז ווען מע הרג'עט אַ מענשען, קומט ער נאָכדעם ביי נאַכט און שרעקט.. עס טרעפט אפילו, זאָגט מען, אַז ער שטיקט... איז עס אמת? ...

דער אַרעסטאַנט האָט אַ וואָרף געטהאָן אויף דעם לאַמפּענצינדער אַ שמייכעל־בליק און אַרויסגערעדט איראָניש.

— ווייבערשע זאַבאַבאָנעס! דאָס האָבען אויסגעטראַכט די לאַנג־האָריגע, וואָס האַנדלען מיט גאָט, זיי האָבען עס אויסגעטראַכט, כדי צו שרעקען נאַראָנים. האָב קיין מורא ניט; אַ גע'הרג'עטער, אַז מען בערוהיגט איהם ווי עס בעדאַרף צו זיין, וועט שוין ערגעץ ניט געהן, ער וועט שוין ליעגען רוהיג, חאַ־חאַ!

און נאָך אַ קורצען שווייגען האָט ער צוגעגעבען ערענסט:

— עס פערשטעהט זיך, עס טרעפען זיך אַזעלכע, וואָס האָבען אַלערליי דמיונות... דאָס קומט איבערהויפּט פון געדאַנקען. נור אַז מען טראַכט ניט, וועלען קיין שום שרעקען ניט זיין. ריכטיג זאָג איך!

— און דו... דו האָסט זיך קיין מאָל ניט געשראָקען? — ניט געהאַט קיין דמיונות? — האָט ווידער געפרעגט דער לאַמפּענצינדער.

— איך? ....

דער אַרעסטאַנט האָט אַ קלער געטהאָן און געענטפערט:

— דעם ערשטען מאָל, אַז איך האָב גע'הרג'עט אַ מענשען איז, פון אונגעוואוינהייט, געווען אַביסעל ניט רוהיג אויפ'ן האַרצען. נאָכדעם — איז עס פערביי.

— עס פערשטעהט זיך: אָהן אַ רגילות איז שווער אפילו אַ פלעה צו הרג'ענען, ניט וואָס אַ מענשען... האָט ערנסט צוגעגעבען דער וועכטער.

— דעם ערשטען מאָל איז מיר אויסגעקומען אַוועקלייגען אַ יונגען סוחר'ל. איך האָב איהם, אַ שיכור'ן, אַריינגענאַרט אין אַ וועלדעל און אַז עס איז געקומען צו דער מעשה, האָב איך זיך געכאַפּט, אַז איך האָב ניט אָנגעגרייט ניט קיין מעסער, ניט קיין אייזען, אפילו קיין שטעקען ביי זיך ניט געהאַט. ניט אַ טראַכט געטהאָן בעצייטענס וועגען דעם, חאַ־חאַ! האָב איך איהם גענומען מיט היילע הענד ווערגען, ער האָט זיך געראַנגעלט, און עס האָט אַ גוטע שעה געדויערט, ביז איך האָב איהם גע'פּטר'ט: געוואָרגען,



געשטיקט, געקלאַפּט איבער'ן קאָפּ מיט די קאָרקעס... נאָכדעם איז מיר אַ גאַנצען טאָג געווען ניט היימליך, אַ מין מלאָשנעקייט איז אונטערגעגאַנגען אונטערן האַרצען. עס האָט זיך מיר אַלץ געדוכט, אַז איך האָב איהם ניט ביז'ן טויט דערקלאַפּט און ער וועט אָבלעבען און אָנווייזען אויף מיר. און מיך האָט ווי מיט צוואַנגען געצויגען געהן אַהין אַ קוק טהאָן אויף איהם...

נאָך אַ קורצען שווייגען, האָט ער צוגעגעבען ערנסט, מיט אַביסעל אַ טרויעריגען טאָן פון אַ מומחה וואָס רעדט מיט אַ הדיוט.

— אויף אַלץ דאַרף מען האָבען אַ גאַנג. יעמאָלט האָב איך זיך אַ גאַנצע שעה געמאַטערט, ביז איך האָב אַוועקגעלייגט דעם סוחר'ל, און איצט וועל איך אויך דעם געזינדסטען מענשען אַוועקלייגען אין איין אויגענבליק. און ניט ווייל איך בין איין איבעריער גבור, ניין, נאָר ווייל איך ווייס דעם סעקרעט, איך ווייס ווי מען דאַרף צו אַ מענשען צוטרעטען... איך האָב אין דער יוגענד אַ לאַנגע צייט אין באָיינעס געאַרבייט, האָב איך זיך צוגעקוקט...

— וואָס פאַר אַ סעקרעט איז דאָס? האָט מיט גרויס נייגיערינקייט געפרעגט דער לאַמפּענצינדער.

דער אַרעסטאַנט האָט ניט גלייך געענטפערט. ניט אויפהערענדיג אַרום צו געהן הין און צוריק איבער'ן הייפעל מיט אַן אַראָבגעלאָזענעם קאָפּ, האָט ער, טראַכטענדיג אַ ווײַלע געענטפערט לאַנגזאַם:

— דער סעקרעט איז אַזאַ, אַז מען דאַרף אַ מענשען ניט געבען קיין צייט בעדענקען זיך. אויף אַזאַ אופן קען מען ביי־קומען וועמען מען וויל און וויפיעל מען וויל מענשען. דאָס איז אַ ריכטיגער מיטעל! לאָז זיך זיין אַ חברה חאָטש פון 10 מענשען, אפילו בעוואָפענטע, און דו איינער אליין נור מיט אַ מעסער — אויב דו וועסט זיך אַ וואָרף טהאָן פלינק אומגעריכט אויף איינעם און מיט אַ מאָל, אין אַ פלינקער רגע, מיט איין קלאַפּ אַוועקלייגען איהם — איז פאַרטיג: זיינען אַלע דיינע! זיי וועלען שטעהן ווי פערכשיפּטע, אָבהענדיג, — נעהם און קוילע זיי אויס איינעם נאָך דעם אַנדערען, ווי שעפּסען,

— ריכטיג! — האָט מיט אַ מאָל אַרויסגעזאָגט זיכער און לעבהאַפט דער וועכטער און האָט זיך אפילו אויפגעהויבען פון אָרט. — אויף מלחמה איז אַקוראַט די זעלבע זאַך. איך האָב עס אליין דורכגעמאַכט. אַז מיר זענען געגאַנגען אויף דעם טערק, האָט זיך געטראָפען, אַז מען האַפּט זיך אַריין אומגעריכט צו אַ גאַנצער חברה טערקען און מען לעגט אַוועק מיט אַ מאָל איינעם אָדער צוויי — זענען די איבעריגע שוין גאָרנישט ווערט, זיי האָבען זיך געוואָרפען, געשריען „אַללאַ! אַללאַ!" — און קיין שום ווידערשטאַנד ניט בעוויזען און מיר פלעגען זיי צוקוילען אַלעמען ביז־דעם לעצטען, ווי שעפּסען...

די בעמערקונג פון דעם וועכטער האָט געמאַכט איין אומגעריכטען איינדרוק אי אויף דעם לאַמפּענצינדער אי אויף דעם אַרעסטאַנט. די פאָר ווערטער וועגען מלחמה האָבען ווי פערשאָטען, אויסגעגלייכט דעם תהום, וואָס איז צווישען זיי ביידען געלעגען. די איינגעהאַלטענע אימה, וואָס האָט זיך געלויכטען אי די נאַאיווע אויגען פון לאַמפּענצינדער איז מיט אַמאָל פערלאָשען געוואָרען און האָט זיך פערביטען אויף אַ געוועהנליכע וואָכעדיגע ניי־

גיערינקייט. אַקוראַט ווי מען וואָלט דעם דאָרפס־מאַן, מיט אַ קלאָרען משל ערקלערט אַ געוועהנליכען תוכן פון עטוואָס שרעקליכעס און אונפערשטענדליכעס. אויף דער ארעסטאנט, וואָס האָט די גאנצע צייט געפיהלט אַ שטומען ווידערשטאנד, אַ פּראָטעסט אין טיעפען הארצען ביי די צוהערער, האָט יעצט דערשפּירט, אז ער האָט געפונען דעם זעלביגען באָדען, אויף וועלכען זיי שטעהען, און האָט ארויסגעזאָגט זיכער און אויטאָריטעטיש:

— זאָרגט נים! איך האָב שוין אין מיין לעבען גענוג וואָס געזעהען! אַז איך זאָג, ווייס איך, וואָס איך זאָג; אַ מענש, אַ שעפּס — די זעלבע זאַך! און אומעטום איז אפילו די זעלבע הסברה: וואָס ביי אַ ארעסטאנט, וואָס ביי אַ פריינן, וואָס ביי אַ סאָלדאט. האָט דיר זיך איינגעגעבען יענעם פּאר׳ן גאָרגעל — ביזט דו גערעכט, ביסט דו דער פּריץ, חא־חא־חא!

דער לאַמפּענצינדער האָט זיך אראָבגעלאָזען אויף דער ערד, האָט ארויפגעוואָרפען דאָס לייטערעל אויפ׳ן אקסעל. אַז דער ארעסטאנט איז שפּאַצירענדיג פארביי איהם פערבייגעגאנגען האָט ער זיך אָבגעשטעלט און מיט אַ מאָל געווענדעט זיך צו איהם שוין אָהן פריהערדיגער אונזיכערהייט, — רוהיג, ווי עס רעדט אַ גלייכער מיט אַ גלייכען, אַ חבר מיט אַ חבר.

— אָט איך האָב אַ מאָל געלייענט אין אַ ביכעל וועגען אַ גרויסען הויפּטמאַן פון גזלנים, וואָס האָט זעהר פיעל מענשען גע׳הרג׳עט. אַז מען האָט איהם געכאַפּט און שוין געוואָלט קעפּען, — האָט ער אָנגעהויבען בעטען זיך, מען זאָל איהם אויף איין טאָג אָבלאָזען אהיים, זעגענען זיך מיט ווייב און קינד, און ער האָט געגעבען זיין הויפּטמאַן־וואָרט, אַז ער וועט צוריק קומען. נו, האָט מען איהם געגלויבט און אָבגעלאָזען איהם. איז וואָס זשע מיינסטו, ברודערעל מיינער, איז ער דאָך טאַקי געקומען צוריק! וויפיעל אומשולדיגע נפשות ער האָט אומגעבראַכט — און זיין הויפּט־מאַן־וואָרט האָט ער געהאַלטען! אָט׳וואָס פאַר אַ ציקאַוועס עס טרעפען זיך!

דער ארעסטאנט האָט זיך מיט אַ מאָהל אָבגעשטעלט און האָט שאַרף אַ בליק געטהאָן אויפ׳ן לאַמפּענצינדער. זיין געזיכט האָט זיך אינגאנצען אומגעביטען. פריהער, בעת ער האָט דערצעהלט וועגען זיינע רציחות, האָט מיך מעהר פאַר אַלץ אָבגעשטעלט דער אויסדרוק פון רוהיגער חוצפּה, מיט וועלכער ער האָט אונז געקוקט אין די אויגען אריין, גלייך ווי ער וואָלט גאָר ניט דערלאָזען דעם געדאַנק אַז ביי וועמען עס איז פון אונז איז דאָ אַ הארץ, אַ געוויסען. אין זיין שטימע איז אפילו ניט געווען קיין בעריהמעריי, נור אַ טומפּע בעסטיאַלע אונפערשעהמטהייט. איצט איז זיין פּנים מיט אַמאָל געוואָרען ערנסט, איבער איהם האָט זיך דורכגעטראָגען ווי אַ שאָטען, דער אויסדרוק פון עטוואָס אויפהאַלטענדעס, בעפעהלענדעס, מענשליכעס. אַ ווײַלע האָט ער געשוויגען און נאָכדעם ארויסגעזאָגט שטאַרק און זיכער.

— ווי דען זשע! ווי באַלד ער האָט אַ הויפּטמאַן־וואָרט געגעבען, האָט ער איהם געמוזט האַלטען. אָט נעהם למשל מיך, אויב מען וואָלט מיך אָבגעלאָזען אויף מיין וואָרט — ווענדט זיך, וואָס פאַר אַ וואָרט איך וואָלט געגעבען. אויב אַ פּשוט וואָרט, וואָלט איך אָבגענאַרט; וואָלט איך אָבער געגעבען איין ארעסטאַנטען־וואָרט — וואָלט איך איהם געוויס געהאַלטען און צוריק געקומען...



דער וועכטער האָט זיך שווער אויפגעהויבען און גענומען די שליסלען, געבענדיג צו פערשטעהן, אַז דאָס געשפּרעך האָט זיך געענדיגט. ער האָט געמאַכט עטליכע טריט נאָר באַלד אָבגעשטעלט זיך און ארויסגעזאָגט פערטראַכט, ווי פאַר זיך:

— נו, אויף דיין ארעסטאַנטען־וואָרט וואָלט דיר נאָך ניט יעדערער אַזוי געגלויבט. נור דאָס מוז מען זאָגען, אַז אויב אַ מענש איז אין וואָס אריינגעטהאָן, ליעגט דאָרטען אויך זיין נשמה... דאָס איז ריכטיג!...

## ב. לאַפּין.

* *
*

כ׳בין אליין זיך פרעמד, און פרעמד דער גאנצער וועלט,
כ׳לאַך פון אַלץ, און כ׳בין פון אַלע אָבגעלאַכט;
כ׳האָב מיין יוגענד אָבגעשלאָפען אין אַ וויסטען פעלד, — —
כ׳האָב זיך צווישען שלאַנגען פּלוצלונג אויפגעוואַכט....

כ׳האָב קיין מוטער ווער ס׳זאָל טוליען מיר צום ברוסט,
קיין גאָט — וואו ס׳קען מיין תפלה רוה געפינען.
מיר איז מיין מוטער פרעמד... ווייל ס׳לאַכט פון ליעבע, גאָט,
מיין שלאַנג־נאַטור, שוין אוים לאַנג אין מיין זינען . . .

כ׳האָב קיין היים ניט דאָ, און בלאָנדזע אום אַ פרעמדער,
דאָך וועל איך ן׳אייער ווײַלט קיין היים פערלאַנגען,
כ׳געה אין וויסטען פעלד צוריק, דאָרט וואו עס שטאַרבען
ענטקעגען זון זיך וואַרמענדיג די שלאַנגען...